בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**קכ"ב**

**יו"ל: י' תמוז ה'תשפ"ג לפ"ק**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**"מְסִירַת נֶפֶשׁ יֵשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל"**

**נישטא קיין מניעות!**

**שרייען 'בקול חזק מעמקי הלב'**

**נישט מודיע געווען זיין באפרייאונג**

**"אֵין שׁוּם חוֹמָה כְּלָל"**

**"אֲנַסֶּה אֶת עַצְמִי"**

**"וְיֵשׁ זָרִיז וְנִפְסָד"**

**די עבודה פון "וידבר ה' אל משה"**

**נישטא קיין זמן**

**"צו מיר קומט מען מיט פערד"...**

**"קינדערלעך צום רבי'ן!"**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

ארה"ק: 02.560.7387

ארה"ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

#122 ואח"כ #2.1.2.1.1

מכון טעם זקנים שע"י רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

(ארה"ק: 072-257-3456)

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$

יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

בס"ד

# פרשת יתרו

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 133#)

## "מְסִירַת נֶפֶשׁ יֵשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל"

(לומד ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן מ"ו:) "מְסִירַת נֶפֶשׁ יֵשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּכָל יוֹם וּבְכָל שָׁעָה, כְּגוֹן שֶׁנּוֹתֵן מָמוֹנוֹ לִצְדָקָה. וְהַמָּמוֹן הוּא הַנֶּפֶשׁ, 'כִּי אֵלָיו הוּא נוֹשֵׂא אֶת נַפְשׁוֹ'"[א] - יעדער איינער אין זיין בחינה - געלט איז דער נפש, "דְּהַיְנוּ שֶׁמּוֹסֵר נַפְשׁוֹ בִּיגִיעוֹת וְסַכָּנוֹת קֹדֶם שֶׁמַּרְוִיחַ הַמָּמוֹן, וְאַחַר כָּךְ נוֹטֵל הַמָּמוֹן וְנוֹתְנוֹ בִּשְׁבִיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, נִמְצָא מוֹסֵר נַפְשׁוֹ".

מען רעדט - אפילו א ישיבה מאן, אז ער גיט מעשר איז דאס ממש מסירת נפש, ער איז אַן ארעמאן - און אז ער גיט אוועק דארטן זיין מעשר, ער שפּאָרט איין פון דאס מויל, איז דאס מסירת נפש ממש. קומט אויס, ביי צדקה האט יעדער איינער מסירת נפש - מען איז זיך מוסר נפש אויף צו געבן צדקה.

זאגט דער רבי: "וְכֵן בִּתְפִלָּה אִיתָא בַּמִּדְרָשׁ הַנֶּעְלָם (חיי שרה דף קכד:), שֶׁהִיא בְּחִינַת, 'כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָּל הַיּוֹם' וְכוּ', הַיְנוּ מְסִירַת נֶפֶשׁ". אז א מענטש הארעוועט ביים דאווענען זיך צו מקשר זיין צום אויבערשטן ביים דאווענען, איז דאס א בחינה פון מסירת נפש, די מחשבות לויפן אים דאך נאך - און ער הארעוועט,

---

[א] דברים כד, טו.

ער וויל אריינלייגן דעם געדאנק (אינעם דאווענען) - זאגט דער רבי, דאס איז מסירת נפש.

"כִּי צָרִיךְ יְגִיעָה גְּדוֹלָה וּמִלְחָמָה גְּדוֹלָה עִם הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים". דאס איז נישט קיין קלייניקייט, אז א מענטש וויל דאווענען - גיט אים א לויף אָן מחשבות און בלבולים - און ער דארף זיך רייסן. דער רבי זאגט אז מען דארף א "יגיעה גדולה", א "מלחמה גדולה".

דער רבי זאגט אז מען דארף האבן "תַּחְבּוּלוֹת לָנוּס וְלִבְרֹחַ מֵהֶם, וְעַל זֶה נֶאֱמַר: 'כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ' וְכוּ', כַּמּוּבָא בַּמִּדְרָשׁ הַנֶּעְלָם. נִמְצָא שֶׁהוּא מְסִירַת נֶפֶשׁ, וְכֵן כַּיּוֹצֵא בָּזֶה". דער רבי זאגט, יעדער מענטש האט מסירת נפש יעדן טאג - יעדע שעה; אז עס קומט צו געבן צדקה האט ער מסירת נפש אז ער גיט אוועק דאס געלט, איז ער א בעל מלאכה - הארעוועט ער, איז ער א ישיבה מאן - טיילט ער אוועק די געלט אויף צדקה, איז דאך עס מסירת נפש, און אז ער קומט ביים דאווענען - אויב ער וויל זיך צוהערן צום דאווענען, איז דאס ווייטער מסירת נפש.

## נישטא קיין מניעות!

זאגט דער רבי: "וְדַע, שֶׁהַמְּנִיעוֹת שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְכַיּוֹצֵא" - ער האט מניעות צו פארן צום אמת'ן צדיק, "וּלְכָל אֶחָד וְאֶחָד נִדְמֶה לוֹ, שֶׁהַמְּנִיעוֹת שֶׁלּוֹ גְּדוֹלִים יוֹתֵר מִשֶּׁל חֲבֵרוֹ" - יעדן איינעם דאכט זיך אז ער האט אזעלכע מניעות מער ווי דעם אנדערן, "וְקָשֶׁה לַעֲמֹד בָּהֶם" - עס איז אים שווער איינשטיין אין די מניעות.

זאגט דער רבי: "דַּע" - זאלסטו וויסן, "שֶׁלְּכָל אֶחָד אֵין לוֹ מְנִיעוֹת רַק כְּפִי כֹּחוֹ, כְּפִי מַה שֶּׁיָּכוֹל לָשֵׂאת וְלַעֲמֹד בָּהֶם אִם יִרְצֶה" - דער אויבערשטער וועט נישט צושיקן יענעם קיין מניעות העכער ווי זיינע כוחות. נאר וואס דען, מען דארף אויסניצן די כוחות.

דאס איז עפעס א ידיעה, דאס איז שוין א התחזקות: 'דו זאלסט וויסן אז דו האסט נישט קיין מניעות נאר ווערליג דיין כח!' דער אויבערשטער וועט נישט אנשיקן יענעם קיין מניעות העכער ווי זיינע כוחות.

זאגט דער רבי: "וּבֶאֱמֶת אֵין שׁוּם מְנִיעָה, כִּי גַּם בְּהַמְּנִיעָה בְּעַצְמָהּ מְלֻבָּשׁ שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכַמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר" - (אין דער תורה פון) "ומשה ניגש אל הערפל אשר שם האלקים"[ב].

"וְהַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַמְּנִיעוֹת הִיא מְנִיעַת הַמֹּחַ" - אז דער מח איז נישט גאנץ אין דער זאך, דער מח האט עפעס ספיקות, דאס איז דער עיקר מניעה, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁמֹּחוֹ וְלִבּוֹ חֲלוּקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹ מֵהַצַּדִּיק" - ער איז נישט גאנץ מיט השי"ת אדער מיטן צדיק - דער צדיק איז נישט קיין 'וודאי' ביי אים אז די אמונה זאל זיין א 'ודאי' - נישט קיין ספק, דאס איז דער עיקר מניעה. אויב דאס איז גאנץ, איז גאר נישטא קיין מניעה.

דער רבי זאגט: 'דער מח איז אפגעטיילט פון השם יתברך אדער פונעם צדיק'. וואס הייסט 'אפגעטיילט'? אז ער האט נישט די גאנצע אמונה פון "מלא כל הארץ כבודו", אט דאס איז דער עיקר מניעה.

"כִּי אֲפִלּוּ כְּשֶׁמְּשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת" - ער פארט שוין צום צדיק אמת, "וּבָא לְשָׁם" - ער קומט שוין צום צדיק, זאגט דער רבי: "עִם כָּל זֶה, כְּשֶׁמֹּחוֹ חָלוּק וְקָשֶׁה לוֹ קֻשְׁיוֹת עַל הַצַּדִּיק, וְיֵשׁ לוֹ עַקְמוּמִיּוּת בְּלִבּוֹ עַל הַצַּדִּיק, זֹאת הַמְּנִיעָה מוֹנַעַ אוֹתוֹ יוֹתֵר מִכָּל הַמְּנִיעוֹת". ער איז שוין געקומען, ער איז שוין דא ביים צדיק, אבער ער איז נישט גאנץ מיט א גאנצע אמונה אין צדיק.

---

[ב] ליקוטי מוהר"ן סימן קט"ו, וזל"ש בסופו: וּמִי שֶׁהוּא בַּר דַּעַת, יָכוֹל לִמְצֹא אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּתוֹךְ הַמְּנִיעוֹת בְּעַצְמָן. **כִּי בֶּאֱמֶת אֵין שׁוּם מְנִיעָה בָּעוֹלָם כְּלָל**, כִּי בְּתֹקֶף הַמְּנִיעוֹת בְּעַצְמָן נִסְתָּר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְעַל יְדֵי הַמְּנִיעוֹת בְּעַצְמָן דַּיְקָא יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי שָׁם נִסְתָּר הוּא יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ **'וּמשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל'**, שֶׁהוּא הַמְּנִיעָה, **כִּי שָׁם הָאֱלֹקִים**.

## שרייען 'בקול חזק מעמקי הלב'

"וְכֵן בִּתְפִלָּה; שֶׁבִּתְחִלָּה יֵשׁ לוֹ כַּמָּה מְנִיעוֹת עַל הַתְּפִלָּה, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹבֵר עֲלֵיהֶם וּבָא לְהִתְפַּלֵּל, כְּשֶׁלִּבּוֹ עָקֹם וּפְתַלְתֹּל מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זֹאת הַמְּנִיעָה גְּדוֹלָה מִכֻּלָּם כַּנַּ"ל, הַיְנוּ בְּחִינַת (תהלים לח): 'לִבִּי סְחַרְחַר'. תַּרְגּוּם: 'סָבִיב' - 'סְחוֹר סְחוֹר'. דְּהַיְנוּ שֶׁלִּבּוֹ מְסֻבָּב וּמֻקָּף וּמְעֻקָּם בְּעַקְמוּמִיּוּת וְקֻשְׁיוֹת וּכְפִירוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ" - עס איז נישט גאנץ די אמונה.

דער רבי זאגט אין תורה ס"ב[ג], דאס אז ער האט נישט די אמונה אז דער אויבערשטער שטייט לעבן אים און הערט אויס יעדעס ווארט, דאס איז "אפיקורסות שבלבו"; אז מען האט נישט די אמונה פון "מלא כל הארץ כבודו" אז דער אויבערשטער שטייט לעבן מיר, דאס איז א מין אפיקורסות, א פארקרימטקייט, עס איז דאך א געוואלד!

"שֶׁזֶּה בְּחִינַת (שמות א): 'וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה' וְכוּ' - דאס שטייט ביי מצרים, וְאִיתָא בַּתִּקּוּנִים (תיקון יג דף כח.): בְּקֻשְׁיָא וְכוּ'" - מען האט זיי ארייגעווארפן אין קשיות. פאר די אידן איז געווען קשה 'קשיות' - 'וואס זענען מיר ערגער פון אלע פעלקער? איך בין דאך פון אברהם יצחק יעקב'ס קינדער - פארוואס קומט עם מיר איך זאל זיין אין מצרים??!' - אט די קשיות איז אַן ענין פון אפיקורסות - 'פארוואס קומט אונז אזוי?!' - אט דאס איז געווען דער עיקר גלות מצרים, אז מען

[ג] אות ב', וזל"ש: כִּי צָרִיךְ לַעֲבֹד אֶת ה' בִּשְׁנֵי יְצָרִין, שֶׁיִּהְיֶה הַיֵּצֶר הָרָע כָּפוּף לַיֵּצֶר טוֹב, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נ"ד): "וְאָהַבְתָּ וְכוּ' בְּכָל לְבָבְךָ" בִּשְׁנֵי יְצָרֶיךָ. שֶׁיִּהְיֶה לִבּוֹ שָׁלֵם עִם ה' אֱלֹקָיו, שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ מַחֲלֹקֶת בֵּין שְׁנֵי יְצָרִין. הַיְנוּ **שֶׁלֹּא יִהְיֶה לִבּוֹ חָלָק עָלָיו**, בְּחִינַת (הוֹשֵׁעַ י): "חָלַק לִבָּם". **וּבֶאֱמֶת אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'** (יְשַׁעְיָה ו), **וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה. וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו.** וּבִשְׁבִיל שֶׁהָאָדָם אֵינוֹ יוֹדֵעַ זֹאת יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, בִּשְׁבִיל זֶה אֵינוֹ מִתְלַהֵב כָּל כָּךְ, וְאֵינוֹ מְדַקְדֵּק כָּל כָּךְ. וְכָל אֶחָד לְפִי מִעוּט שִׂכְלוֹ וִידִיעָתוֹ, כֵּן הִתְלַהֲבוּתוֹ וְדִקְדּוּקוֹ. וְהַיְדִיעָה הִיא מֵהַיֵּצֶר הַטּוֹב שֶׁבַּלֵּב, וְהַסְתָּרַת הַיְדִיעָה הִיא מֵהַיֵּצֶר הָרָע שֶׁבַּלֵּב. וְהַסְתָּרַת הַיְדִיעָה, **הֵן הֵן אֶפִּיקוֹרְסוּת וְקֻשְׁיוֹת, שֶׁהַיֵּצֶר הָרָע מַקְשֶׁה אֶת לִבּוֹ לְפֹל** בְּרָעָה (מִשְׁלֵי כ"ח), וכו', עיין שם.

האט זיי ארײנגעווארפן אין קשיות. "הַיְנוּ הַקֻּשְׁיוֹת שֶׁבְּלִבּוֹ, שֶׁהֵם הַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה מִכֻּלָּם".

וואס איז די עצה דערצו? דארף מען שרייען - "וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעָמְקֵי הַלֵּב".

א מענטש שעמט זיך גאר; עס איז ארײנגעקומען איינער דא, ער איז געווען בײ מיר, ער האט געהאט עפעס קשיות אין אמונה, האט ער זיך געשעמט, ער שעמט זיך גאר צו דערציילן א צווייטן אז ער האט קשיות אין אמונה - דארף ער נאר שרייען צום אויבערשטן מעומק הלב[ד] - 'געוואלד, די אמונה איז בײ אים נישט גאנץ, ער האט ספיקות' - נאר שרייען צום אויבערשטן אליין! ער דארף שרייען 'לאביו שבשמים בקול חזק מעומק הלב'!

זאגט דער רבי: "וַאֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ וּפוֹנֶה לְצַעֲקָתוֹ", און דער רבי זאגט, פון דעם שרייען אליין - "וְיָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁמִּזֶּה בְּעַצְמוֹ יִפֹּל וְיִתְבַּטֵּל לְגַמְרֵי כָּל הַקֻּשְׁיוֹת וְהַמְּנִיעוֹת הַנַּ"ל"[ה].

---

[ד] עיין שיחות הר"ן רכ"ב: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁדִּבֵּר עִם אִישׁ אֶחָד שֶׁהָיָה לוֹ בִּלְבּוּלֵי אֱמוּנָה. וְחִזֵּק אוֹתוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְאָמַר לוֹ שֶׁאִיתָא שֶׁכָּל הִתְהַוּוּת מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית הָיָה **רַק בִּשְׁבִיל מַה שֶּׁצָּפָה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיוּ אֲנָשִׁים שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם יִסּוּרִים בְּעִנְיַן הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה מֵחֲמַת הַבִּלְבּוּלִים וְהַכְּפִירוֹת הָעוֹלִים עַל מַחֲשַׁבְתָּם רַחֲמָנָא לִצְלַן, וְהֵם יִתְגַּבְּרוּ כְּנֶגֶד אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת וְיִתְחַזְּקוּ בֶּאֱמוּנָה. וְרַק בִּשְׁבִיל זֶה בָּרָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֶת כָּל מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית.** וְעַל יְדֵי דִּבּוּרִים אֵלּוּ נִתְחַזֵּק זֶה הָאִישׁ מְאֹד תָּמִיד בְּכָל עֵת שֶׁבָּאוּ עָלָיו בִּלְבּוּלִים הַנַּ"ל. וְכֵן מְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁעִקַּר הַבְּרִיאָה הָיָה בִּזְכוּת הָאֱמוּנָה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים לג, ד): 'וְכָל מַעֲשֵׂהוּ בֶּאֱמוּנָה'.

[ה] עיין שיחות הר"ן, אות קמ"ו: שַׁיָּךְ לְהַתּוֹרָה קַשְׁיָא רָאשֵׁי־תֵבוֹת "שְׁ'מַע יְ'הוָה קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא" (תְּהִלִּים כז־ז) בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן מ"ו קֹדֶם תֵּבַת וְעַל־כָּל־פָּנִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ. שֶׁנִּרְאֶה לִי שֶׁחָסֵר שָׁם, **וְהָעִקָּר כִּי הַצְּעָקָה בְּלִבּוֹ בְּעַצְמָהּ הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה**, כִּי אַף־עַל־פִּי שֶׁבָּאִים עָלָיו כְּפִירוֹת גְּדוֹלוֹת וְקֻשְׁיוֹת עִם כָּל זֶה מֵאַחַר שֶׁצּוֹעֵק עַל־כָּל־פָּנִים בְּלִבּוֹ בְּוַדַּאי עֲדַיִן יֵשׁ בּוֹ נִיצוֹץ וּנְקֻדָּה מֵהָאֱמוּנָה

"וְעַל כָּל פָּנִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ, שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ". עס איז א געוואלדיגע התחזקות דאס, אפילו א מענטש ווערט נאכנישט געהאלפן, אבער דאס וואס ער שרייט - דאס איז שוין זיין ישועה, 'דער אויבערשטער הערט דאך צו מיין קול!'[ו].

❖

## נישט מודיע געווען זיין באפרייאונג

טאקע ר' נחמן טולטשינער האט געהאט א זון וואס ער האט זיך געדארפט שטעלן דארטן צום פריזיוו (- קריאה לעבודת הצבא), **האט ער אים אנגעזאגט: "אז דו וועסט ווערן באפרייט זאלסטו מיר נישט געבן קיין דעפעש!"** (- טעלעגראם. האט ער אים געפרעגט:) **"פארוואס טאטע?"** (השיב:) **"איך וועל נאך בעטן!"** (שאל שוב:) **"אז איך וועל שוין זיין פריי וואס וועסטו דען דארפן בעטן?"** (השיב:) **"וועט מען נעמען די תפילה אויף עפעס אנדערש - די תפילה ווערט נישט פארפאלן!".**

אז איך וועל בעטן דו זאלסט ווערן באפרייט - און דו ביסט שוין פריי - אט די תפילה ווערט אויך נישט פארפאלן!

---

הַקְּדוּשָׁה, כִּי אִם חַס וְשָׁלוֹם, לֹא הָיָה בּוֹ עוֹד שׁוּם נְקֻדָּה מֵהָאֱמוּנָה כְּלָל לֹא הָיָה צוֹעֵק כְּלָל. נִמְצָא שֶׁהַצְּעָקָה בְּעַצְמָהּ הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה וְהָבֵן זֶה. **וְגַם עַל־יְדֵי הַצְּעָקָה זוֹכִין לֶאֱמוּנָה** הַיְנוּ שֶׁהַצְּעָקָה בְּעַצְמָהּ הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה כַּנִּזְכָּר לְעֵיל רַק שֶׁהָאֱמוּנָה הוּא בְּקַטְנוּת גָּדוֹל. וְעַל־יְדֵי הַצְּעָקָה בְּעַצְמָהּ יָכוֹל לִזְכּוֹת לֶאֱמוּנָה הַיְנוּ לְהַעֲלוֹת וּלְגַדֵּל אֶת הָאֱמוּנָה עַד שֶׁיִּסְתַּלְּקוּ הַקֻּשְׁיוֹת מִמֶּנּוּ. וַאֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ זוֹכֶה לָזֶה עֲדַיִן אַף־עַל־פִּי־כֵן הַצְּעָקָה בְּעַצְמָהּ טוֹב מְאֹד וְכַנִּזְכָּר לְעֵיל.

[ו] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות י"א: "עַל פִּי רֹב יִפְעֹל בְּבַקָּשָׁתוֹ הַרְבֵּה, כִּי ה' יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו וְכוּ'". **וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים, חַס וְשָׁלוֹם, לֹא יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ, כִּי זִמְנִין דְּשָׁמַע זִימְנִין דְּלָא שָׁמַע, עַל כָּל פָּנִים הִרְוִיחַ שֶׁקֵּרֵב עַצְמוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי זֶה, כִּי אֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיְּקָרֵב וִידַבֵּק אֶת הָאָדָם לַה' יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ הַתְּפִלָּה**, שֶׁהִיא עִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַה' יִתְבָּרַךְ (כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן פד דַּע שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וְכוּ')".

יעדעס ווארט - 'דאס איז מיין ישועה' - אז דער אויבערשטער הערט! איי איך ווער נאכנישט געהאלפן? דאס איז א באזונדערע זאך[ז], אבער דאס איז שוין "ישועתו", אז דער אויבערשטער הערט צו מיין קול.

דער רבי רעדט דא, אפילו ער ווערט נאך נישט געהאלפן, על כל פנים, השי"ת הערט דאך מיין קול - דאס איז מיין ישועה! איי פארוואס ווער איך נאכנישט געהאלפן? דאס איז עפעס אנדערש! אפשר נעמט מען די תפילות אויף אַן אנדערע זאך - א זאך וואס איז גאר נאך נויטיגער און מער פון וואס דו בעטסט[ח].

---

[ז] עיין בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ב, אות א': "**אַף עַל פִּי שֶׁגַּם תְּפִלַּת הַצַּדִּיק שֶׁהִיא זַכָּה לְגַמְרֵי. לִפְעָמִים אֵין נַעֲשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ זִמְנִין דְּשָׁמַע וְזִמְנִין דְּלָא שָׁמַע אַף עַל פִּי כֵן תְּפִלַּת הַצַּדִּיק עוֹשָׂה רֹשֶׁם בְּוַדַּאי וּמְקֻבֶּלֶת לְרָצוֹן בְּוַדַּאי. רַק שֶׁאַף עַל פִּי כֵן אֵין ה' יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ. וּבֶאֱמֶת אֵין אָנוּ מְבִינִים דַּרְכֵי ה'**".

[ח] עיין בליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד, אות מ"ט: "וְעַל כֵּן כָּל אָדָם אֵיךְ שֶׁהוּא, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, הוּא מְחֻיָּב לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו. וְאִם אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ זוֹכֶה, חַס וְשָׁלוֹם, לִקְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה וְכוּ', אַף עַל פִּי כֵן הַטּוֹב אֵינוֹ נֶאֱבָד כְּלָל, כִּי לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּאִתְאֲבִיד, **כִּי מִי יוֹדֵעַ מַה נַּעֲשָׂה מֵהַטּוֹב שֶׁלּוֹ, אוּלַי ה' יִתְבָּרַךְ הִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ לְצֹרֶךְ גָּבֹהַּ וְעֶלְיוֹן יוֹתֵר וְיוֹתֵר מֵהָעִנְיָן שֶׁהוּא הָיָה רוֹצֶה**". עיין גם ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה, אות מ"ג: "וְתָבִין הֵיטֵב כַּמָּה יָקָר דִּבְרֵי הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁשּׁוֹפְכִין שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **וְאַף עַל פִּי שֶׁזֶּה כַּמָּה שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמִתְבּוֹדֵד וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁעֲדַיִן לֹא פָּעַל כְּלָל, אַף עַל פִּי כֵן כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר אֵינוֹ נֶאֱבַד רַק כֻּלָּם מְנוּיִם וּסְפוּרִים וּגְנוּזִים בְּאוֹצְרוֹתָיו** וְגַם כִּי אִי אֶפְשָׁר לְהָאָדָם לֵידַע כְּלָל בָּזֶה הַגּוּף אִם פָּעַל בַּעֲבוֹדַת ה' אִם לַאו". ובליקוטי הלכות הל' נחלות ה"ד, אות י': "וּכְמוֹ שֶׁהוּא בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל כֵּן הוּא בִּפְרָטִיּוּת אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד שֶׁכָּל מִי שֶׁנִּכְנָס בַּעֲבוֹדַת ה' קְצָת וּכְבָר עָסַק מְעַט אוֹ הַרְבֵּה בְּהִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלּוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת שֶׁיִּזְכֶּה שֶׁה' יִתְבָּרַךְ יָשִׂים פָּנָיו אֵלָיו וִיקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ וְיִגְאָלֵהוּ מִתַּאֲוֹתָיו וּמִדּוֹתָיו הָרָעִים וְהוּא רוֹאֶה שֶׁעֲדַיִן לֹא נַעֲנָה כִּי הוּא עֲדַיִן רָחוֹק מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ מְאֹד וְעַל יְדֵי זֶה יָכוֹל לִטְעוֹת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁכָּל תְּפִלּוֹתָיו וְשִׂיחוֹתָיו הָיוּ לָרִיק חַס וְשָׁלוֹם. **אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, כִּי אֵין שׁוּם דִּבּוּר נֶאֱבָד כְּלָל, רַק כָּל תְּפִלָּה וְשִׂיחָה עוֹשָׂה רֹשֶׁם גָּדוֹל וְהַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים מְלַקְּטִים כָּל אֵלּוּ הַתְּפִלּוֹת וְהַשִּׂיחוֹת וּבוֹנִים מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים** בְּחִינַת מִשְׁכָּן **וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְהִתְחַזֵּק הַרְבֵּה בִּתְפִלָּה וְשִׂיחָה תָּמִיד יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה** עַד אֲשֶׁר עַל יְדֵי רִבּוּי הַתְּפִלּוֹת יִהְיֶה נִשְׁלָם הַבִּנְיָן שֶׁל הַצַּדִּיקִים הָעוֹסְקִים בָּזֶה לְלַקֵּט וּלְחַבֵּר וּלְהַעֲלוֹת אֵלּוּ הַתְּפִלּוֹת וְאָז יִכָּמְרוּ רַחֲמָיו יִתְבָּרַךְ וְיָשׁוּב אֵלָיו וִירַחֲמֵהוּ". גם עיין בליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה, אות ס"ה.

"וְזֶה אוֹתִיּוֹת 'קֻשְׁיָא' רָאשֵׁי תֵבוֹת: 'שְׁמַע ה' קוֹלִי אֶקְרָא'"[ט]; אז עס איז קשה קשיות אין אמונה, דארף מען נאר שרייען, "שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה', כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה כַּנַּ"ל".

❖

## "אֵין שׁוּם חוֹמָה כְּלָל"

"וּמֵעֵין זֶה מַה שֶּׁמְּסַפְּרִים בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מָשָׁל', שֶׁמֶּלֶךְ אֶחָד הִנִּיחַ אוֹצָר גָּדוֹל בְּמָקוֹם אֶחָד, וְסִבֵּב בַּאֲחִיזַת עֵינַיִם כַּמָּה וְכַמָּה חוֹמוֹת סְבִיב הָאוֹצָר" - ארום און ארום האט זיך געדאכט אז עס איז דא חומות, "וּכְשֶׁבָּאוּ בְּנֵי אָדָם לְאֵלּוּ הַחוֹמוֹת, נִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם חוֹמוֹת מַמָּשׁ וְקָשֶׁה לְשַׁבְּרָם", ווי קענען זיי צוגיין צום מלך אז עס איז דא אזוי פיל מויערן? וּקְצָתָם חָזְרוּ

---

[ט] תהלים כז.

[י] עיין דגל מחנה אפרים פרשת וילך ד"ה 'ואנכי': 'ואנכי הסתר אסתיר את פני'. והוא לכאורה תמיהה גדולה **איך אפשר שהקב"ה יסתיר פניו מישראל חלילה? ואיך יהיה להם חיות ותקומה כי זה כל חיותם של ישראל עם קרובו שנקראים בנים למקום?** (שבת ל"א.) אך דהנה המשל הוא למלך שעשה כמה מחיצות באחיזת עינים לפני היכלו שלא יוכלו ליכנס אליו ונסתתר שם ועשה חומות ואש ונהרות באחיזת עינים הכל לפני בניו והנה מי שהיה חכם נתן לב לדבר איך אפשר שאביו הרחמן לא יתרצה להראות פניו לבניו ידידיו אין זה כי אם אחיזת עינים והאב רוצה לנסות אם ישתדל הבן לבא אליו **ובאמת אין שום הסתרה** והנה מיד כשמסר לנפשו לילך בנהר נסתר אחיזת עינים ועבר בו וכן בכל המחיצות עד שבא להיכל המלך ויש טפש שירא להתחיל לעבור המחיצות ויש שעובר המים וחוזר מפני החומות ומפני האש והנמשל ידוע והנה מי שמוסר נפשו ועובר בכל המחיצות ודוחק עצמו עד שבא אל המלך אז יבא למעלה יותר גדולה מקודם, וזהו (בראשית מ"ו, ד') אנכי ארד עמך היינו כשתתן לב ותבין שאפילו בירידה יש גם כן אנכי היינו ההסתרה שנסתתר עצמי ממך היא גם כן לטובתך אז ואנכי אעלך גם עלה היינו שתזכה למעלה יתירה וזהו גם עלה והבן, וזהו ה' ההולך עמך תמיד הן בירידה והן בעליה אז לא ירפך ולא יעזבך ותרגומו לא ישבקינך ולא ירחקינך היינו אפילו כשנסתתר לפעמים מכל מקום לא להרחיק ממך הוא כנ"ל, והוא שמרמז כאן ואנכי הסתר היינו כשתתן לב להבין שאנכי הוא בהסתרה אז אסתר על דרך (מגילה י"ג.) הדסה היא אסתר והדס מספר חיים עם הכולל והיינו שאז תוכל לאור באור פני מלך חיים וזהו אסתיר את פני. עיין גם שם בהפטורת תבא ד"ה 'קומי' שמביאו בשם מאא"ז הבעש"ט זלה"ה. גם מובא משל זה הרבה בספרי בעל "התולדות" בשם הבעש"ט.

תֵּבֵף", זיי זענען באלד אוועקגעגאנגען, זיי זענען אפילו נישט צוגעגאנגען צו ברעכן איין מויער אויך נישט.

"וּקְצָתָם שִׁבְּרוּ חוֹמָה אַחַת וּבָאוּ אֶל הַשְּׁנִיָּה וְלֹא יָכְלוּ לְשַׁבְּרָהּ, וּקְצָתָם שִׁבְּרוּ יוֹתֵר וְלֹא יָכְלוּ לְשַׁבֵּר הַנִּשְׁאָרִים"; פארוואס? ווייל זיי האבן געמיינט אז עס איז אזעלכע מיני מויערן העכער פון מיינע כוחות.

"עַד שֶׁבָּא הַבֵּן מֶלֶךְ, אָמַר: אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁכָּל הַחוֹמוֹת הֵם רַק כַּאֲחִיזַת עֵינַיִם", ווארום דער אויבערשטער, דער מלך, וועט נישט מאכן אזעלכע חומות אז מען זאל נישט קענען צוטרעטן צום מלך - עס קען נישט זיין אין דער וועלט, עס דאכט זיך נאר אז עס איז מויערן, "וּבֶאֱמֶת אֵין שׁוּם חוֹמָה כְּלָל, וְהָלַךְ לָבֶטַח עַד שֶׁעָבַר עַל כֻּלָּם".

(ר' משה בינענשטאק: די ערשטע וואס האבן צעבראכן איין חומה האבן דאך געדארפט זעהן אז עס איז נישט קיין חומות ממש!?) אז א מענטש טוהט עפעס א זאך, ער גיט איין טראַט, דאכט זיך אים אז דער אנדערע טראַט וועט ער נישט קענען טוהן - אזוי דאכט זיך אים"[א].

דאס וואס דער בעל דברווארפט אראפ א מענטשן, דאס איז דאך אַן אייביגע מלחמה; ווי קען איך מלחמה האלטן אויף אייביג? מילא אז די מלחמה זאל זיין אויף איין שעה, אבער עס איז דאך א מלחמה אויף אלע יארן - 'קען איך דען זיין א לוחם אלע יארן?' אבער דער אמת איז גאר, די מלחמות אלע יארן איז נאר ווערליג דיינע

---

[א] עיין עלים לתרופה מכתב מיום ה' ואתחנן שנת ת"ר: כִּי עֲדַיִן אָנוּ צְרִיכִין יְשׁוּעוֹת רַבּוֹת וַחֲסָדִים גְּדוֹלִים וְנִפְלָאִים כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת. כִּי עֲדַיִן הַצַּד הַשֵּׁנִי הַנִּקְרָא בִּלְשׁוֹן קַבָּלָה סִטְרָא אַחֲרָא אוֹרֵב וְחוֹתֵר בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד וְעוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בְּכָל מַה שֶּׁאֶפְשָׁר לוֹ לֶאֱרֹב וְלַחְתֹּר וְלִתְפֹּס בְּרִשְׁתּוֹ חַס וְשָׁלוֹם חַס וְשָׁלוֹם **עַד אֲשֶׁר בְּכָל פַּעַם נִדְמֶה שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשַׁבֵּר הַסָּתוֹת וּמְנִיעוֹת וּבִלְבּוּלִים וְתַאֲווֹת וְסִכְסוּכִים וְעִכּוּבִים וּטְרָדוֹת וְכוּ' וְכוּ' כָּאֵלֶּה**. וּכְמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ עַל פְּשָׁטוּהוּ וְלָא עָיֵל לְתַרְעָא וְכוּ' וְכוּ', וּבִמְקוֹמוֹת אֲחֵרִים. ושם במכתב מיום ה' תצא תר"ב: וְזֶה כָּל עִנְיְנֵי הַתְּלָאוֹת וְהַמְּצוּקוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' וְכוּ' הָעוֹבְרִין עַל כָּל הָאָדָם **וְנִדְמֶה לוֹ בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת, שֶׁעֵת כָּזֶה לֹא עָבַר עָלָיו**, וְלִפְעָמִים הוּא אֱמֶת קְצָת אֲבָל אֵין לוֹ דַּעַת לְהָבִין שֶׁהַחֲסָדִים הַמִּתְחַדְּשִׁים עַתָּה הֵם מְרֻבִּים יוֹתֵר, כִּי לוּלֵא ה' עֶזְרָתָה לִי וְכוּ', אִם אָמַרְתִּי מָטָה רַגְלִי חַסְדְּךָ ה' יִסְעָדֵנִי.

כוחות, און דו האסט די כוחות ביי זיך, נוץ אויס דיינע כוחות וועסטו אלע יארן כובש זיין! דו וועסט אלע יארן כובש זיין! מען גיט דיר נישט קיין מלחמות שווערער ווי דיינע כוחות.

(אחד הנוכחים: עס איז דא דא דריי כיתות, איינער איז באלד אוועק - ) **יא יא, איינער האט אנגעהויבן, און איינער אביסל מערער - אלע מניעות וואס מען זעהט איז נאר 'אחיזת עינים'.**

❖

## "אֲנַסֶּה אֶת עַצְמִי"

דעם רבי'נס טאכטער אדל'ע האט זיך גע'חלומ'ט א חלום - אונזערע לייט ווייסן דעם חלום, מעג מען דאך דאס דערציילן, זי פלעגט דערציילן רבי נתן'ען אירע חלומות - רבי נתן האט זייער געהאלטן פון אירע חלומות. האט זי דערציילט רבי נתן'ען א חלום[יב]: אין ברסלב איז געווען דארטן דעם רבי'נס בית מדרש, איז געווען אז מען איז געשטאנען אין ברסלב ביים רבי'נס בית מדרש - א גרויסער עולם איז געשטאנען פארן בית מדרש, און זיי האבן גערעדט אויף רבי'ן - 'דער רבי דארף אנקומען אבער מיר וועלן אים נישט ארייגלאזן אינעווייניג אין בית מדרש' - אזוי האבן זיי גערעדט.

אזוי (אינמיטן) איז דער רבי געגעבן א קום אָן, און דער רבי איז צוגעגאנגען, איז דער ערשטער וואס האט געהאלטן אז ער וועט נישט ארייגלאזן, אוועקגעגאנגען, ער האט אים געלאזט. האט דער אנדערער געזאגט, 'אבער איך וועל אים נישט לאזן'. אז דער רבי איז געקומען צום אנדערן - איז דער אנדערער אויך אוועקגעגאנגען. האט דער דריטער געזאגט, 'איך וועל אים נישט לאזן' - און אזוי

---

[יב] הובא בשיש"ק (חדש) ח"א, רפ"ז.

יעדער איינער, ביז דער רבי איז אריינגעקומען אין בית מדרש אריין - אזוי האט זי דערציילט דעם חלום.

האט זיך אנגערופן רבי נתן: **"אזוי גייט דעם רבי'נס זאך: זעהן ביז די ענדע - זעהט מען נישט; נאר דעם טראָט וואס איך דארף טוהן - דעם טראָט טוה איך!"** און אזוי דאכט זיך מיר ווייטער אז איך וועל נישט קענען (וכו' כנ"ל) - אזוי גייט עס. אז איך דארף געבן דעם טראָט - גייט ער אוועק, מען לאזט מיר טוהן דעם טראָט.

זאגט איינער, וויבאלד איך וועל דעם אנדערן טראָט נישט קענען טוהן - פארוואס דארף איך האבן דעם ערשטן טראָט? ניין, קוק נישט אויף שפעטער! אז דו וועסט וועלן קוקן ביזן סוף, וועסטו קיינמאל נישט אריינגיין דארטן. אז מען דארף טוהן א טראָט - גיב דעם טראָט, שפעטער אז איך וועל דארפן טוהן דעם אנדערן טראָט (וועל איך דעמאלט זעהן ווייטער) - אזוי גייט עס[יג].

דאס הייסט, עס איז נאר באחיזת עינים, איך זעה פאר זיך אזוי פיל מויערן - 'ווי קען איך אריינגיין?' ניין, אז איך האלט איצטער ביי דעם ערשטן מויער - דעם ערשטן מויער וועסטו ברעכן, און אז דער אנדערער איז ווייטער שטארק - אז דו וועסט קומען צום אנדערן וועסטו דעם אנדערן אויך קענען ברעכן! - און אזוי ווערט מען אַן אלטער איד, און אלע יארן האט ער דאס אייגענע. דאס הייסט 'אחיזת עינים', אז עס דאכט זיך אים אז אזעלכע מויערן וועט ער בשום אופן נישט קענען צוברעכן.

**"וּמִזֶּה יָבִין הַמַּשְׂכִּיל הַנִּמְשָׁל מֵאֵלָיו עַל כָּל הַמְּנִיעוֹת וְהַהֶסְתּוֹת וּפִתּוּיִים, שֶׁהֵם בְּחִינַת חוֹמוֹת, שֶׁיֵּשׁ עַל אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם".**

---

[יג] עיין עלים לתרופה מיום א' וישב תקצ"ד: "וְיַאֲמִין לִי בֶּאֱמֶת שֶׁכָּל מַה שֶּׁכָּתַבְתָּ אֵינוֹ חִדּוּשׁ אֶצְלִי כְּלָל, כִּי כָּאֵלֶּה מַמָּשׁ עָבַר עָלַי כַּמָּה פְּעָמִים, וְנִמְשָׁךְ זְמַנִּים הַרְבֵּה, שֶׁנִּדְמֶה לִי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לִחְיוֹת יוֹם אֶחָד וַאֲפִלּוּ שָׁעָה אַחַת, אַךְ נִתְיַשַּׁבְתִּי אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה אֲנִי **אֲנַסֶּה אֶת עַצְמִי בְּכָל שָׁעָה**". עיין גם בליקוטי מוהר"ן סי' ער"ב בהתורה של 'היום אם בקולו תשמעו' - היום דייקא.

**דער רבי האט דאך א זאג געגעבן[יד]: "איך בין דאך א אוצר פון יראת שמים, פארוואס זוכט איר מיר נישט?!"**

**"שֶׁבֶּאֱמֶת אֵינָם כְּלוּם" - די אלע חומות וואס איז דא אויף דעם אוצר של יראת שמים - עס איז גארנישט! "וְהָעִקָּר - לֵב חָזָק וְאַמִּיץ!" - האבן א שטארק הארץ, "וְאָז אֵין לוֹ שׁוּם מְנִיעָה וּבִפְרָט הַמְּנִיעוֹת בְּגַשְׁמִיּוּת, כְּגוֹן מֵחֲמַת מָמוֹן אוֹ שֶׁמּוֹנֵעַ אוֹתוֹ אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו וְחוֹתְנוֹ אוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ וְכוּ', וְכַיּוֹצֵא, הֵם כֻּלָּם בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים לְמִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק וְאַמִּיץ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.**

**"וְגַם אֲפִלּוּ גְּבוּרָה שֶׁל הַגִּבּוֹרִים"; פון וואנעט איז ער א גיבור? נישט ווייל ער האט שטארקע הענט, נאר, "הוּא רַק מֵחֹזֶק וְאֹמֶץ הַלֵּב, שֶׁיֵּשׁ לוֹ לֵב חָזָק בְּיוֹתֵר לָרוּץ בְּקִשְׁרֵי הַמִּלְחָמָה, כַּמּוּבָא בַּסְּפָרִים"[טו].**

[יד] חיי מוהר"ן, אות רצ"ה: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ. **וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ.** וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַבֵּל וְהֵשִׁיב **עִם הַפֶּה וְהַלֵּב** צְרִיכִין לַחְתֹּר וּלְבַקֵּשׁ (מִיטְן פִּיסק אוּן מִיטְן הַארְץ) בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ.

[טו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רמ"ט, ובתניינא סי' מ"ג.

# פרשת משפטים

### שנת תשל"ו

(טייפ מס' 136#)

## "וְיֵשׁ זָרִיז וְנִפְסָד"

(לומד תורה נ"ט תנינא[טז]:) "אֲבָל מִי שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, הוּא צָרִיךְ דַּוְקָא לִהְיוֹת זָרִיז גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לְמַהֵר וְלָרוּץ מְאֹד, לְהִמָּלֵט עַל נַפְשׁוֹ, וְאָסוּר לוֹ לִשְׁהוֹת כְּלָל לַעֲמֹד וּלְהִתְיַשֵּׁב, כִּי בַּעַל תְּשׁוּבָה אֵינוֹ הוֹלֵךְ מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא כְּלָל, וְאֵין בֵּינוֹ וּבֵין הַקְּדֻשָּׁה שׁוּם בְּחִינָה הַנַּ"ל, כִּי הוּא צָרִיךְ לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ, וְהוּא צָרִיךְ לָרוּץ וּלְדַלֵּג אֶל הַקְּדֻשָּׁה, כַּמּוּבָא, שֶׁהַבַּעַל תְּשׁוּבָה צָרִיךְ לְדַלֵּג עַל מַה שֶּׁצָּרִיךְ לְדַלֵּג, וְלִקְפֹּץ אֶל הַקְּדֻשָּׁה בִּזְרִיזוּת גָּדוֹל. וְאִישׁ כָּזֶה הוּא זָרִיז וְנִשְׂכָּר כַּנַּ"ל.

"וּבְחִינָה שֶׁבֵּין הַמִּצְווֹת כַּנַּ"ל הוּא כְּגוֹן: 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר וְעָשִׂיתָ'. וּבְוַדַּאי יֵשׁ עֲבוֹדָה גַּם בְּאֵלּוּ הַדִּבּוּרִים, שֶׁהֵם קֹדֶם הַמִּצְוָה. כִּי עִקַּר הַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ נֶאֱמַר בַּתּוֹרָה אַחַר כָּךְ, אַחַר תֵּבַת 'וְעָשִׂיתָ', אֲבָל בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי גַּם בַּפְּסוּקִים הַנַּ"ל שֶׁבֵּין מִצְוָה לְמִצְוָה, יֵשׁ בָּהֶם עֲבוֹדָה. וְזֶהוּ בְּחִינָה הַנַּ"ל מַה שֶּׁבֵּין מִצְוָה לְמִצְוָה".

---

[טז] וזל"ש מתוך ספר 'קיצור ליקוטי מוהר"ן': "יֵשׁ זָרִיז וְנִשְׂכָּר, וְיֵשׁ זָרִיז וְנִפְסָד, הַיְנוּ מִי שֶׁהוּא צַדִּיק מִנְּעוּרָיו וְהוֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר מִיָּמָיו, כְּשֶׁהוּא זָרִיז בְּיוֹתֵר הוּא מַפְסִיד עַל־יְדֵי־זֶה, כִּי כְּשֶׁהוּא הוֹלֵךְ בִּמְתִינוּת מִמִּצְוָה לְמִצְוָה, יָכוֹל לְהַשִּׂיג גַּם אֶת הַקְּדֻשָּׁה מַה שֶּׁהִיא בֵּין מִצְוָה לְמִצְוָה. אֲבָל כְּשֶׁהוּא רָץ בִּזְרִיזוּת אֶל הַמִּצְוָה, הוּא עוֹבֵר וּמְדַלֵּג עַל הַהַשָּׂגָה שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה הַנַּ"ל (עַיֵּן פְּנִים), אֲבָל מִי שֶׁהוּא צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, הוּא צָרִיךְ דַּוְקָא לִהְיוֹת זָרִיז גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לְמַהֵר וְלָרוּץ מְאֹד לְהִמָּלֵט עַל נַפְשׁוֹ, וְאָסוּר לוֹ לִשְׁהוֹת כְּלָל לַעֲמֹד וּלְהִתְיַשֵּׁב, כִּי הוּא צָרִיךְ לָרוּץ וּלְדַלֵּג עַל מַה שֶּׁצָּרִיךְ לְדַלֵּג, וְלִקְפֹּץ אֶל הַקְּדֻשָּׁה בִּזְרִיזוּת גָּדוֹל, וְאִישׁ כָּזֶה הוּא זָרִיז וְנִשְׂכָּר".

צדיקים דארפן דאך דינען דעם אויבערשטן מיט יעדעם ווארט פון דער תורה; ביי די מצוה פון ציצית איז ער מקיים 'ציצית', אבער ווי אזוי דינט ער דעם אויבערשטן מיט דעם "וידבר ה' אל משה לאמר"? וואס טוהט ער מיט די ווערטער? ווי אזוי דינט ער דעם אויבערשטן מיט די ווערטער?

עס איז דא אזא בחינה, אז אין די ווערטער איז אויך דא אַן עבודה, איז אויב ער איז א צדיק מנעוריו און ער לויפט, ער איז א זריז, ווערט ער אָן די עבודה וואס עס איז דא אין די ווערטער, ווייל ביז ער קומט דערצו - איז ער שוין ביי די אנדערע מצוה, אבער דער וואס ער דארף טוהן תשובה - דער דארף זיין א זריז.

## די עבודה פון "וידבר ה' אל משה"

"וְעוֹד יֵשׁ בָּזֶה, וְעַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר מֵעִנְיָן זֶה, שֶׁבֶּאֱמֶת יֵשׁ עֲבוֹדָה גַּם בַּפָּסוּק וַיְדַבֵּר וְכוּ'" - אין תורה כ"ב רעדט דער רבי דארטן דערפון.

אונזערע לייט פלעגן זאגן, מען בעט דארט ביי אהבה רבה: "לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך"; וואס איז דער "את כל דברי תלמוד תורתך באהבה"? "לשמור" - איז 'לא תעשה', "לעשות" - איז די 'מצוות עשה', וואס נאך איז שייך 'את כל דברי תלמוד תורתך'? פלעגט מען זאגן, דאס איז די 'דִבְרֵי', אז מען זאל מקיים זיין "את כל דברי תלמוד תורתך" - מען זאל אויך מקיים זיין אפילו די דיבורים פון "וידבר ה' אל משה", אט דאס איז די 'דברי תלמוד תורתך', דאס וואס עס איז דא 'בין מצוה למצוה'.

די אמונה שלימה אין די מצוות וואס מיר האבן - אט דאס איז (די עבודה פון) "וידבר ה' אל משה לאמר". דאס הייסט, דער אויבערשטער האט געהייסן משה זאל זאגן די אידן - 'איר זאלט האבן די אמונה שלימה בשעת'ן טוהן די מצוה אז דאס האט דער אויבערשטער גערעדט צו משה'ן אז מיר זאלן טוהן די מצוה!' אז מיר זענען

שוין מורגל אין דער מצוה איז מען דאך נישט מקיים דעם "וידבר ה' אל משה לאמר", מען פארגעסט גאר פון דעם[יז].

אז דער אויבערשטער האט געזאגט "ועשו להם ציצית" - איז אין דעם "וידבר" ליגט דערינען אז מען זאל האבן די אמונה שלימה בשעת איך טוה די מצוה אז דאס איז 'וידבר ה' אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ואמרת אלהם'.

(ר' נחמן בורשטיין: ביינאכט זאגט מען אויך 'ונשמח בדברי תלמוד תורתך'!) **יא, די 'דברי תלמוד תורתך'.**

עס איז א חילוק ווען א מענטש וואס גייט טוהן א מצוה צו ער האט דעמאלט די אמונה שלימה אז דאס וואס איך גיי איצטער טוהן האט דער אויבערשטער גערעדט צו משה'ן און משה האט דאס איבערגעגעבן. אז מען האט די אמונה שלימה, האט דאך די מצוה אַן אנדער חשיבות. אז מיר האבן די מצוה, און מיר האבן אויך די אמונה, דעמאלט האבן מיר אויך (די עבודה) וואס עס איז דא צווישן דעם און דעם (- בין מצוה למצוה). אבער 'אזוי' - האט ער נאר די מצוה אליין.

(לומד תורה ס' תניינא)

❖ ❖ ❖

---

[יז] עיין ליקוטי הלכות הל' מילה ה"ג, אות ח': נִמְצָא, שֶׁכָּל הַסִּפּוּרִים שֶׁבַּתּוֹרָה וְכָל הַדִּבְרֵי תּוֹרָה שֶׁסְּבִיבוֹת הַמִּצְוָה, דְּהַיְנוּ וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְכוּ', כָּל זֹאת הוּא בְּחִינַת סִתְרֵי תּוֹרָה ... וְזֶהוּ, **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה**, הַיְנוּ **שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מָסַר כָּל הַהַנְהָגָה לְמֹשֶׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבַּדּוֹר**, כִּי דַּבָּר לְשׁוֹן מַנְהִיג כְּמוֹ דַּבָּר אֶחָד לְדוֹר, כִּי עַכְשָׁו אַחַר הַבְּרִיאָה וְאַחַר מַתַּן תּוֹרָה כָּל הַהַנְהָגָה מְסוּרָה בְּיַד מֹשֶׁה שֶׁהוּא הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְהוּא דַּיְקָא צָרִיךְ לְגַלּוֹת הַחֶסֶד הַנֶּעְלָם כְּדֵי לְקַיֵּם הָעוֹלָם תָּמִיד. עיין גם בליקוטי הלכות הל' שלוחין ה"ב, אות ב'-ג'.

# נישטא קיין זמן

(לומד תורה ס"א תניינא[יח]:) "אַךְ דַּע, שֶׁעִקַּר הַזְּמַן הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין מְבִינִים, דְּהַיְנוּ מֵחֲמַת שֶׁשִּׂכְלֵנוּ קָטָן, כִּי כָּל מַה שֶּׁהַשֵּׂכֶל גָּדוֹל בְּיוֹתֵר, הַזְּמַן נִקְטָן וְנִתְבַּטֵּל בְּיוֹתֵר".

פארוואס איז א מענטש זינדיג פארן אויבערשטן און ער טוהט נארישקייטן? ווייל ער טראכט אז ער האט נאך צו לעבן זיבעציג-אכציג יאר, איז דער זמן מאכט אים נאריש אזוי. וואס דער מענטש איז מער נאריש, האט ער א גרעסערע זמן, האט ער מער צייט...

"וְכֵן לְמַעְלָה מַעְלָה שֶׁבַּשֵּׂכֶל שֶׁהוּא גָּבוֹהַּ עוֹד יוֹתֵר לְמַעְלָה, גַּם אוֹתוֹ הַזְּמַן שֶׁבַּשֵּׂכֶל הַגָּבוֹהַּ מִשִּׂכְלֵנוּ אֵינוֹ נֶחֱשָׁב שָׁם, בַּשֵּׂכֶל הַגָּבוֹהַּ עוֹד יוֹתֵר, רַק לִזְמַן מְעַט וּפָחוּת מְאֹד. וְכֵן לְמַעְלָה מַעְלָה עַד אֲשֶׁר יֵשׁ שֵׂכֶל גָּבוֹהַּ כָּל כָּךְ, שֶׁשָּׁם כָּל הַזְּמַן כֻּלּוֹ אֵינוֹ נֶחֱשָׁב כְּלָל, כִּי מֵחֲמַת גֹּדֶל הַשֵּׂכֶל מְאֹד, כָּל הַזְּמַן אַיִן וָאֶפֶס לְגַמְרֵי, כְּמוֹ שֶׁאֶצְלֵנוּ הַשִּׁבְעִים שָׁנָה שֶׁעוֹבְרִים בַּחֲלוֹם הֵם רַק רֶבַע שָׁעָה בֶּאֱמֶת כַּנַּ"ל, כְּמוֹ כֵן יֵשׁ שֵׂכֶל לְמַעְלָה מִשֵּׂכֶל, עַד שֶׁהַזְּמַן נִתְבַּטֵּל לְגַמְרֵי".

דערפאר טאקע, צדיקים האבן נישט געוואלט אוועקגעבן (זייער זמן) פאר די תענוגים פון דער וועלט - 'אז עס איז גאר קיין זמן נישטא, וועל איך אוועקגעבן

---

[יח] וזל"ש מתוך ספר קיצור ליקוטי מוהר"ן: עִקַּר הַזְּמַן הוּא מֵחֲמַת קַטְנוּת הַדַּעַת. וְכָל מַה שֶּׁהַשֵּׂכֶל גָּדוֹל בְּיוֹתֵר, הַזְּמַן נִקְטָן בְּיוֹתֵר. כְּמוֹ בַּחֲלוֹם, שֶׁאָז הַשֵּׂכֶל נִסְתַּלֵּק וְנִשְׁאָר רַק כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אָז בְּרֶבַע שָׁעָה יְכוֹלִים לַעֲבֹר כָּל הַשִּׁבְעִים שָׁנָה, כַּאֲשֶׁר נִדְמֶה בַּחֲלוֹם שֶׁעוֹבֵר וְהוֹלֵךְ כַּמָּה וְכַמָּה זְמַנִּים בְּשָׁעָה מֻעֶטֶת מְאֹד, וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁנִּתְעוֹרֵר מֵהַשֵּׁנָה וְחוֹזֵר הַשֵּׂכֶל אֵלָיו, אָז רוֹאֶה עִם הַשֵּׂכֶל שֶׁכָּל הַזְּמַנִּים וְהַשָּׁנִים שֶׁעָבְרוּ בַּחֲלוֹם, הָיוּ רַק שָׁעָה מֻעֶטֶת מְאֹד, רַק שִׁבְעִים שָׁנָה מַמָּשׁ הֵם שִׁבְעִים שָׁנָה כְּפִי הַשֵּׂכֶל שֶׁלּוֹ, וְכֵן בֶּאֱמֶת בַּשֵּׂכֶל הַגָּבֹהַּ לְמַעְלָה מִשִּׂכְלֵנוּ, גַּם מַה שֶּׁנֶּחֱשָׁב אֶצְלֵנוּ לְשִׁבְעִים שָׁנָה מַמָּשׁ, הוּא גַּם כֵּן רֶבַע שָׁעָה אוֹ פָּחוֹת, רַק שֶׁאֵין אָנוּ מְבִינִים זֹאת, כְּמוֹ בַּחֲלוֹם, אִם הָיָה בָּא אֶצְלוֹ אָז אֶחָד וְהָיָה אוֹמֵר לוֹ שֶׁהַשָּׁנִים הָאֵלֶּה הֵם רַק רֶבַע שָׁעָה, לֹא הָיָה מַאֲמִין לוֹ. וְכֵן יֵשׁ שֵׂכֶל גָּבֹהַּ כָּל כָּךְ עַד אֲשֶׁר כָּל הַזְּמַן כֻּלּוֹ נִתְבַּטֵּל לְגַמְרֵי. וְעַל־כֵּן מָשִׁיחַ שֶׁעָבַר עָלָיו מַה שֶּׁעָבַר מִיּוֹם בְּרִיאַת הָעוֹלָם, וְסָבַל מַה שֶּׁסָּבַל, אַחַר כָּל זֶה בַּסּוֹף יֹאמַר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ: "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", וְכָל זֶה יִהְיֶה מֵחֲמַת הַפְלָגַת עֹצֶם מַעֲלַת שִׂכְלוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ שֶׁיִּגְדַּל מְאֹד. עַל־כֵּן כָּל הַזְּמַן מִימוֹת בְּרִיאַת הָעוֹלָם יִהְיֶה אֶצְלוֹ אַיִן וָאֶפֶס מַמָּשׁ, וְיִהְיֶה מַמָּשׁ כְּאִלּוּ נוֹלַד הַיּוֹם.

אינגאנצן דאס לעבן פאר איין רגע?!' אז מען מיינט אז מען האט א גרויסער זמן, מיינט מען אז עס איז כדאי פאר די תענוגים, אבער אז עס גאר קיין זמן נישטא - פארוואס זאל איך אוועקגעבן מיינע יארן?!

דאס איז אלץ גערעדט געווארן, ווען מען וויל אים פארטוהן אויף נארישקייטן. אבער אז מען וויל פארטוהן דעם זמן אויף גוטע זאכן, איז דאך איין שעה פון תשובה אויף דער וועלט בעסער פון 'כל חיי העולם הבא'[יט].

אויב די תענוגים איז אויף אנדערע זאכן, איז גאר קיין זמן נישטא, אבער אז מען טוהט גוטע זאכן, איז דער זמן א גרויסער זמן, איז 'גרויסע פינעף מינוט'![כ] עס איז א גוטע שעה! מען קען זוכה זיין!

דארף מען טאקע וויסן וואו (זאל מען וויסן) אז 'עס איז קיין זמן נישטא', און וואו מען זאלן וויסן אז 'עס איז א גרויסער זמן'; אז עס קומט תורה ותפילה, מצוות ומעשים טובים, איז יעדע מצוה טייער, איז א געוואלד, און חלילה אז עס קומט נארישקייטן - קיין זמן איז נישטא, קיין רגע איז נישטא!

(ר' משה: דער רבי האט געזאגט, 'וועגן א תענוג'ל פון א פערטל שעה' - -) יא יא, 'מען קען אנווערן'[כא]. האט דער רבי אויך אנגעכאפט א 'פערטל שעה'. דא (- לפי התורה) קען מען שוין טייטשן א 'רבע שעה' - אז די וועלט איז א 'רבע שעה'. 'איבער א תענוג'ל פון א פערטל שעה זאלסטו אנווערן?!' - א רבע שעה איז די וועלט.

---

[יט] משניות אבות פ"ד, מי"ז.

[כ] עיין טעם זקנים קונטרס ק"י.

[כא] ליקוטי מוהר"ן סי' ק"ח: פַּעַם אֶחָד סִפֵּר מֵעִנְיַן מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם. עָנָה וְאָמַר: הֲלֹא הָאָדָם, בִּשְׁבִיל תַּעֲנוּג קָטָן אֶחָד שֶׁל רֶבַע שָׁעָה הוּא יָכוֹל לְאַבֵּד וּלְהַפְסִיד כָּל הָעוֹלָם הַזֶּה עִם הָעוֹלָם הַבָּא. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָּאר דֶּעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶּעם עוֹלָם הַבָּא.**

איבער א פערטל שעה זאלסטו אנווערן? קרעכטץ עס אויס![כב]

❖

## "צו מיר קומט מען מיט פערד"...

"וְכֵן אָנוּ רוֹאִים בְּמָקוֹם גַּם כֵּן, שֶׁהַבַּעַל כֹּחַ יָכוֹל לַעֲבֹר מָקוֹם גָּדוֹל בְּשָׁעָה מֻעֶטֶת".

דערפאר טאקע, דאס איז טאקע דער ענין פון קפיצת הדרך - צדיקים האבן געהאט קפיצת הדרך. דער רבי רעדט דא פון 'למעלה מן המקום', 'למעלה מן הזמן' - ביי זיי איז קיין מקום נישט געווען, איז געווען טאקע קפיצת הדרך.

ווען דער רבי איז געפארן פון זלאטיפאליע קיין ברסלב, איז ער געווען אין אומאן, האט ער געהאלטן שבת אין אומאן. אין אומאן איז געווען א שוחט א צדיק נסתר - ער איז געווען א פארבאהאלטענער צדיק, און דער רבי האט באלד דערקענט דעם שוחט. האט זיך דער רבי דערקענט צו אים, [און ער האט דעם רבי'ן אויך דערקענט] עס איז דאך געווען פאר ראש השנה - עס איז איז דאך געווען אלול, האט דער רבי אים געזאגט: "מיין זאך איז ראש השנה!" ער זאל קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

ער איז דאך געווען א שוחט, ער האט געדארפט דארטן שחט'ן ערב ראש השנה. זאגט ער, 'אז דער רבי זאל אים געבן רשות, וועט ער קענען אפ'שחט'ן די שחיטה און מיט א שם קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה!'.

---

[כב] עיין חיי מוהר"ן תמ"א: פַּעַם אַחַת אָחַז רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת הָרַב רַבִּי שְׁמוּאֵל אַיְזִיק כְּנֶגֶד לִבּוֹ וְאָמַר לוֹ, בִּשְׁבִיל מְעַט דָּם כָּזֶה, הַיְנוּ שֶׁבַּחֲלַל הַלֵּב תְּאַבֵּד אֶת הָעוֹלָם הַזֶּה וְהָעוֹלָם הַבָּא (וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז אִיבֶּער אַבִּיסֶעלִי בְּלִיט זָאלְסְטוּ אָן וֶוערִין דִיא וֶועלְט אִין יֶענֶע וֶועלְט, קְרֶעכְצְט זִי אוֹס) וְתִהְיֶה רָגִיל לְהִתְאַנֵּחַ הַרְבֵּה עַד שֶׁתִּפְטֹר אוֹתוֹ וְתַכְנִיעַ הָרַע שֶׁבּוֹ, וְתִזְכֶּה לִבְחִינַת וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי.

**האט דער רבי אים געזאגט: "צו מיר דארף מען פארן מיט פערד, נישט מיט שמות!".**

**דער רבי האט אים נישט געגעבן קיין רשות ער זאל פארן מיט א שם!**

**אז דו קענסט נישט מוותר זיין אויף די שחיטה - קום נישט.**

(השואל: ער איז טאקע נישט געווען אויף ראש השנה?) **ווייזט אוים, אפשר איז ער געקומען און ער האט יא מוותר געווען אויף די שחיטה, איך וויים נישט.**

**דער רבי האט אים אזוי געזאגט: 'צו מיר דארף מען קומען מיט פערד, נישט מיט קיין שמות!'**

**פון אומאן קיין ברסלב איז הונדערט קילאמעטער. אמאליגע יארן איז נישט געווען קיין טעקסי, עס האט גענומען צייט, ער האט געקענט אפ'שחט'ן די שחיטה בייטאג און מיט א שם קומען צום רבי'ן. דער רבי האט נישט געגעבן קיין הסכמה.**

(השואל: וואס איז זיין נאמען געווען?) **איך וויים נישט; דאס ווייסט מען - מער ווייסט מען נישט, צו ער איז יא געווען צו ער איז נישט געווען - ווייסן מיר נישט, קען זיין אז ער איז יא געווען; אז דער רבי האט אים אזוי געזאגט, קען זיין ער איז אפשר יא געווען.**

(אחד הנוכחים: מען זאגט אויף ר' מרדכי סאקאלאווער אז ער האט געוואלט קומען אמאל מיט א שם?) **ווער זאגט? געהאקט אין קאפ.**

(ר' נחמן בורשטיין: עמיצער האט אים געפרעגט, "ר' מרדכי'ן, מסתמא ווייסט איר דאך א שם פון קפיצת הדרך" [- להשתמש בזה לנסוע על ראש השנה מפולין]. האט ער געזאגט: "דער רבי האט געהייסן קומען מיט פערד און וועגענער") **שוין, דאס איז עפעס אנדערש.**

❖

# "קינדערלעך צום רבי'ן!"

ר' אבא שוחט האט דערציילט [- בשעת ער איז געפארן איז נישט געווען קפיצת הדרך, נאר וואס דען], א גאנצע מעשה איז דא[כג], אז ער איז געקומען קיין הייסין, פון הייסין איז נאך דא א קארגע פערציג קילאמעטער קיין ברסלב, און אינדערמיט

---

[כג] הובא בשיש"ק ח"ב קצ"ח: בְּאֶחָד מֵהַשָּׁנִים שֶׁשָּׁהָה רַבֵּנוּ בִּבְרַסְלֶב חָל לִהְיוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּיוֹם ב', וְאַנַ"שׁ שֶׁמֵּעִיר טְשֶׁערִין הִזְדָּרְזוּ לִנְסוֹעַ וּבָאוּ כְּבָר לִשְׁבֹּת לִבְרַסְלֶב, בִּכְדֵי שֶׁיֹּאמְרוּ אֶת הַסְּלִיחוֹת שֶׁל עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה עִם רַבֵּנוּ, אוּלָם רַבִּי אַבָּא שׁוֹחֵט לֹא נָסַע עִמָּהֶם מִסִּבּוֹת שׁוֹנוֹת וְלֹא הִסְפִּיק לְהַגִּיעַ לִשְׁבֹּת לִבְרֶסְלֶב וְשָׁבַת שַׁבָּת בְּאוּמַאן שֶׁהִיא רְחוֹקָה מִבְּרֶסְלֶב כְּמֵאָה קִילוֹמֶטֶר, וּבְמוֹצָאֵי שַׁבַּת קֹדֶשׁ הִתְחִיל לָרֶדֶת גֶּשֶׁם שׁוֹטֵף וָעַז וְלֹא יָדַע אֵיךְ יַצְלִיחַ לְהַגִּיעַ לִבְרַסְלֶב עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּלָם הוּא הִזְדָּרֵז וְהָלַךְ לְכַמָּה בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת וּבִקְּשָׁם שֶׁיַּסִּיעוּהוּ לִבְרַסְלֶב, וְלֹא רָצָה שׁוּם בַּעַל עֲגָלָה לְקַחְתּוֹ, וְהִפְצִיר בָּהֶם מְאֹד עַד שֶׁנַּעֲנָה לוֹ אֶחָד מִבַּעֲלֵי הָעֲגָלָה וְאָמַר לוֹ: אִם תִּתֵּן לִי שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה רוּבְּל אֲסִיעֲךָ, וְהִבְטִיחַ לוֹ רַבִּי אַבָּא, אַף עַל פִּי שֶׁהָיָה זֶה סְכוּם גָּדוֹל וְאַף עַל פִּי שֶׁהָיָה עָנִי מָרוּד. שֶׁמֵּרוֹב עֲנִיּוּת לֹא הָיָה לוֹ אֲפִלּוּ לְהַחְלִיף בְּגָדָיו לִכְבוֹד שַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְתֵיכֶף אַחַר כַּךְ הִתְחָרֵט הַבַּעַל עֲגָלָה וְלֹא רָצָה לִנְסוֹעַ, אַף עַל פִּי שֶׁהִבְטִיחַ לוֹ אֶת הַסְּכוּם הַנַּ"ל, עַד שֶׁפָּנוּ אֵלָיו חֲבֵרָיו הַבַּעֲלֵי עֲגָלוֹת וְאָמְרוּ לוֹ, אֲנַחְנוּ לֹא הִסְכַּמְנוּ כְּלָל לְקַחְתּוֹ, אוּלָם אַתָּה שֶׁהִבְטַחְתָּ לוֹ מְחוּיָב אַתָּה לְקַחְתּוֹ, וּבְרוֹב שִׁדּוּלָם הִסְכִּים לִדְבָרָיו הָרִאשׁוֹנִים, וְנָסְעוּ מֶשֶׁךְ כָּל הַלַּיְלָה, וּבַבֹּקֶר הִסְפִּיקוּ לְהַגִּיעַ רַק עַד טֶעפְּלִיק, שֶׁהוּא כִּשְׁלוֹשִׁים וַחֲמִשָּׁה קִילוֹמֶטֶר מֵאוּמַאן, כִּי הַנְּסִיעָה הָיְתָה קָשָׁה מְאֹד מֵרוֹב הַבּוֹץ וְהַגֶּשֶׁם וְכוּ' וְהַבַּעַל עֲגָלָה כְּהֶרְגֵּלוֹ נָתַן שָׁם אוֹכֶל וּמִסְפּוֹא לַסּוּסִים הָעֲיֵפִים, וְאַחַר אָכְלָם וּשְׁתָם הִמְשִׁיכוּ בִּנְסִיעָתָם, וּבַצָּהֳרַיִם הִצְלִיחוּ לְהַגִּיעַ בְּקֹשִׁי רַב רַק עַד הָעֲיָרָה הַיְיסִין, הָרְחוֹקָה מִבְּרֶסְלֶב כִּשְׁלֹשִׁים קִילוֹמֶטֶר, וּבַעַל הָעֲגָלָה הִתְעַיֵּף כְּבָר מְאֹד מִנְּסִיעָתוֹ וְלֹא רָצָה בְּשׁוּם אוֹפֶן לְהַמְשִׁיךְ אַךְ רַבִּי אַבָּא לֹא אָמַר נוֹאָשׁ. וּכְשֶׁיָּצְאוּ לַדֶּרֶךְ מֵהַיְיסִין אַחַר שֶׁהֶאֱכִיל הַבַּעַל עֲגָלָה אֶת הַסּוּסִים, שָׁאַג הַבַּעַל עֲגָלָה לַסּוּסִים בַּהֲלָצָה "יְלָדִים לְרַבֵּנוּ" **"קִינְדֶערְלַאךְ צוּם רֶעבִּין"** וְהִתְחִילוּ הַסּוּסִים לִדְהוֹר שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע וְהִגִּיעוּ לִבְרַסְלֶב בְּעֵת שֶׁכְּבָר הִתְפַּלְּלוּ הַקָּהָל תְּפִלַּת מִנְחָה שֶׁל עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְלֹא הָיָה לוֹ אֲפִלּוּ פְּנַאי לִפְרוֹס בִּשְׁלוֹם רַבֵּנוּ. וְהִנֵּה רַבִּי אַבָּא בִּתְמוּרַת הַשְּׁלֹשׁ עָשָׂר רוּבְּל שֶׁהִבְטִיחַ לְבַעַל הָעֲגָלָה, מָכַר אֶת גְּבִיעַ הַכֶּסֶף אוֹתוֹ רָצָה לָתֵת בְּמַתָּנָה לְרַבֵּנוּ. אַחַר כַּךְ בַּלַּיְלָה בְּעֵת שֶׁיָּשַׁב רַבֵּנוּ בַּשֻּׁלְחָן עִם אַנַ"שׁ כְּמִנְהָגוֹ, כִּי הָיוּ מִתְאַסְפִים לְשֻׁלְחַן רַבֵּנוּ, אַף עַל פִּי שֶׁנָּהַג רַבֵּנוּ לִבְלִי לְדַבֵּר כְּלָל בְּלֵיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שׁוּם דִּבּוּר, פָּנָה אֶל רַבִּי אַבָּא וְאָמַר לוֹ: **"אַבָּא סַפֵּר לִי אֶת הַנְּסִיעָה שֶׁלְּךָ"** וְהִתְיָרֵא רַבִּי אַבָּא לְסַפֵּר, כִּי יָדַע שֶׁמָּכַר אֶת הַגָּבִיעַ שֶׁהֵבִיאוֹ עִמּוֹ כְּמַתָּנָה לְרַבֵּנוּ בִּתְמוּרַת נְסִיעָתוֹ, אוּלָם רַבֵּנוּ פָּנָה אֵלָיו שׁוּב, וְאָמַר לוֹ: **"אַבָּא אַל תְּפַחֵד וְסַפֵּר לִי אֶת נְסִיעָתְךָ"** וְסִפֵּר לוֹ רַבִּי אַבָּא אֶת כָּל סֵדֶר נְסִיעָתוֹ, וְסִפֵּר גַּם זֹאת שֶׁהָיָה מֻכְרָח לִמְכֹּר אֶת הַגָּבִיעַ תְּמוּרַת נְסִיעָתוֹ, בְּגָמְרוֹ אָמַר רַבֵּנוּ: "לְהַבַּעַל דָּבָר עֲבוּר הַגָּבִיעַ אוֹצִיא לוֹ עוֹד אֶת הַשִּׁינַּיִם וְהָעֵינַיִם", "אַתָּה אַבָּא, בָּעוֹלָם הַזֶּה כְּבָר לֹא כְּדַאי, וְאַתָּה שְׁמוּאֵל קַח לְךָ מְעַט מֵהַמָּרָק", **"דֶעם בַּעַל דָּבָר אִיבֶּער דֶעם בֶּעכֶער וֶועל אִיךְ אִים נָאךְ אַרוֹיס נֶעמֶען דִי צֵיין מִיט דִי אוֹיְגְן; דוּ אַבָּא אוֹיף דֶעם עוֹלָם אִיז שׁוֹין נִישְׁט כְּדַאי, אוּן דוּ שְׁמוּאֵל נָא דִיר אַבִּיסֶעל יוֹךְ"**, כִּי בִּנְסִיעָתוֹ נָסַע עִמּוֹ בְּנוֹ רַבִּי שְׁמוּאֵל, וְתֵיכֶף לְאַחַר סֻכּוֹת נִפְטַר רַבִּי אַבָּא, וּבְנוֹ רַבִּי שְׁמוּאֵל הִתְעַשֵּׁר מְאֹד, וּמִמֶּנּוּ יָרַשׁ רַבִּי אַבָּא'לֶה הַמְפוּרְסָם אֶת כָּל עֲשִׁירוּתוֹ. עיין גם באבניה ברזל בשיחות וסיפורים מרביז"ל אות ע"ז.

איז דא לאדיזין, איז שוין געווען נאך א האלבן טאג און די פערד זענען געווען זייער פארמאטערט, און עס איז געווען א גרויסע בלאטע, עס איז נישט געווען קיין שום דרך הטבע אז די פערד זאלן קענען אנקומען נאך פאר יו"ט, עס איז געווען שפעט שוין.

האט ר' אבא דערציילט, ער איז ארויסגעפארן פון הייסין, האט דער בעל עגלה געגעבן א געשריי: "קינדערלעך צום רבי'ן!" - ער האט גערעדט צו די פערד, האבן אנגעהויבן די פערד צו לויפן - צו פליען, אז ער איז נאך אנגעקומען צום רבי'ן פאר מנחה. עס איז קיין שום דרך הטבע נישט געווען - נאר אין זכות פון ר' אבא'ן וואס ער האט געוואלט קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

דער בעל עגלה האט געזעהן דעם צער וואס ער האט, און ר' אבא האט דאך אים אזוי פיל געלט אוועקגעגעבן - דרייצן רובל! דרייצן רובל אין יענע יארן... און ער האט אוועקגעגעבן דעם רבי'נס א בעכער, און ער האט אוועקגעגעבן טלית ותפילין[כד] - א געוואלד איז געווען, און דא וועט ער נישט קומען צום רבי'ן?!

א בעל עגלה קען אמאל רעדן א ווארט (וואס פועל'ט) - 'קינדערלעך צום רבי'ן!' איז געווארן - די פערד זענען געפלויגן, זענען זיי אנגעקומען אין צייט. איז דאס אויך געווען א מין סייעתא דשמיא, אבער עס איז איז נישט געווען קיין קפיצת הדרך.

---

[כד] במקום אחר אומר רלוי"צ לר' נחמן בורשטיין ששואל: (ר' נחמן בורשטיין: די טלית ותפילין אויך! נאכדעם האבן עס אונזערע לייט אויסגעלייזט!) די טלית ותפילין ווייסט מען נישט זיכער, אבער דעם בעכער האט ער געמוזט אוועקגעבן.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

## מוהר"ר שלמה בנימין
## זילביגער הי"ו

מאנסי

לרגל נישואי בתו למזל טוב

## הרה"ג חיים משה
## האס שליט"א

קרית יואל

לרגל אירוסי בנו החה"ח יוסף מנחם ני"ו למזל טוב

## מוהר"ר מרדכי צייטלין הי"ו

מאנסי

לרגל הכנסת בנו כמר חיים מנחם מענדל ני"ו לעותומ"צ למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך

## אלטר נפתלי בן ציון בן מיינדל

לרפו"ש בקרוב בתושח"י

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים